**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול רוקט פאראויס נאציאנאל-פירנדע עלעקטראנישע קארס אינפרעסטרוקטור ארויסברויאונג פראגראם**

***פראגראם טוישונגען וועלן פארשנעלערן אנטוויקלונג פון EV טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור און סטימיולירן $4 ביליאן אין סך הכל אינוועסטירונג אין טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור***

***די גאנצע EV בודזשעט פארמערט זיך פון $701 מיליאן צו $1.24 ביליאן, מיט $372 מיליאן אין פאנדינג צו שטיצן פראגראמען אין הונטערשטעליגע געמיינדעס***

***טוישונגען צילן צו פארמערן עלעקטראנישע קאר אדאפטירונג, ספעציעל אין הונטערשטעליגע געמיינדעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט פאבליק סערוויס קאמיסיע האט געמאכט גרויסע טוישונגען צו ניו יארק'ס עלעקטראנישע קארס "מעיק-רעדי" פראגראם צו פארשנעלערן די איבערגאנג צו זערא-עמישן קארס. די היינטיגע שווערוויגענדע טוישונגען זענען אויסגעשטעלט צו פארשנעלערן די אנטוויקלונג פון EV טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור צו באקעמפן אויסוואל אונגעצויגנקייט און פארזיכערן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו באקוועמע און פארלעסליכע EV טשארדזשינג. צוזאמען, זענען די פראגראמען געמאלדן היינט ערווארטעט צו סטימיולירן $4 ביליאן אין סך הכל אינוועסטירונג אין עלעקראטראנישע קאר טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור. מער און מער ניו יארקער גייען עלעקטראניש יעדן טאג, מיט 175,000 עלעקטראנישע אדער פלאג-אין הייבריד EV'ס אויפן שאסיי היינט, און בערך 3 מיליאן ערווארטעט אויף 2030.

"צו אנקומען צו אונזער נאציאנאל-פירנדע קלימאט צילן, טוט ניו יארק אויפשטראמען אונזער איבערגאנג צו א ריינע טראנספארטאציע צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מער ניו יארקער מאכן די טויש צו עלעקטראנישע קארס, און מיר ארבעטן שווער צו בויען צוטריטבארע טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור איבער די סטעיט. די פראגראם פארבעסערונגען געמאלדן היינט וועלן מוטיגן מער מענטשן צו האבן EV'ס, העלפנדיג צו בויען א ריינע און נאכהאלטיגע צוקונפט."

**פאבליק סערוויס קאמיסיע טשעיר ראררי מ. קריסטיאן זאגט,** "די PSC האט שוין לאנג אנערקענט די וויכטיגקייט פון די עלעקטריציטעט פון די טראנספארטאציע סעקטאר אין די עררייכונג פון ניו יארק סטעיט'ס קלימאט צילן. צו פאראויס שטופן די צילן, האט די PSC איינגעפירט פאליסיס צו בענעפיטירן די אנטוויקלונג פון עלעקטראנישע וויהיקל (electric vehicle, EV) טשארדזשינג אינפראסטרוקטור, און די היינטיגע באשלוס צו גיין פאראויס מיט אונזער נאציאנאל-פירנדע EV פראגראמען."

די טוישונגען באשטעטיגט דורך די פאבליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission, PSC) נעמט אריין העכערן די גאנצע ראטעצאלער-געפאנדעטע EV מעיק-רעדי פראגראם פון $701 מיליאן צו

$1.24 ביליאן, מיט $372 מיליאן אין פאנדינג צו שטיצן פראגראמען אין הונטערשטעליגע געמיינדעס, א שארפע העכערונג פון די פריערדיגע בודזשעט פון $206 מיליאן. די באדזשעט העכערונג נעמט אריין אויסברייטערן די דירעקט פעסט טשארדזשינג פראגראם ציל פון 1,500 צו 6,302 טשארדזשינג סטאנציעס, צוזאמען מיט העכערע סטימילוס שטאפלען צו פארשנעלערן די ארויסבוי פון EV טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור איבער ניו יארק.

אינוועסטירונגען אין הינטערשטעליגע געמיינדעס זענען ארויף מיט 81 פערצענט צו $372 מיליאן איבער עטליכע פראגראמען, פארזיכערנדיג אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון די אינוועסטירונגען אין ריינע טראנספארטאציע. די היינטיגע באשלוס טוט פארשטעלן א נייע, אינאוואטיווע מיקרא-מאביליטי מעיק-רעדי פראגראם, שטיצנדיג טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור פאר אי-בייק, אי-סקוטערס און אנדערע פארעמען פון עלעקטראנישע באוועגליכקייט אין הינטערשטעליגע געמיינדעס דורכאויס ניו יארק.

אויך היינט, האט זיך די מידיום- און העווי-דוטי מעיק-רעדי פילאט בודזשעט אויסגעשטעלט פאר קאמערציאלע איינקויפער מער ווי פארטאפלט צו $58 מיליאן, צוזאמגעפארט מיט פארמערטע בויגזאמקייט פאר אפליקאנטן איבער בארעכטיגטע קאסטן און קארס, צילנדיג עמישן נידערונגען אין הינטערשטעליגע געמיינדעס. די PSC ערווארט די ענדערונגען צו די מידיום- און העווי-דוטי מעיק-רעדי פילאט וועט אויפשפארן אינוועסטירונג אין די וויכטיגע סעקטאר, און ערצייגן קריטישע ערפארונג פאר פלאטע אייגנטומער און ווערקזייג, ווי די קאמיסיע נעמט אין באטראכט ברייטערע פראגמאטישע געברויכן אין א באזונדערע פארגאנג.

לעצטנס, האט די PSC באשטעטיגט נייע נוצליכע ראטעס און פראגראמען פאר קאמערציאלע EV-טשארדזשינג איינקויפער אין א באזונדערע באפעל. אונטער די נייע פראגראמען, וועט קאמערציאלע EV-טשארדזשינג זיין בארעכטיגט פאר צוריקצאלונג אדער סאבסידיס פון ביז 50 פערצענט פון די פארלאנג פרייז קאסטן אויף זייער דעליווערי בילס. קאמערציאלע EV-טשארדזשינג איינקויפער אין דאונסטעיט ניו יארק וועלן אויך זיין בארעכטיגט צו אנטיילנעמען אין נייע אנגעפירטע טשארדזשינג פראגראמען צו אויפשפארן נאכמער שפארונגען וואס זענען אויך נוצליך צום גריד. קאמערציאלע אנגעפירטע טשארדזשינג פראגראמען זענען נאך אלס אונטער אנטוויקלונג אין אפסטעיט ניו יארק און זענען ערווארטעט צו זיין אוועילעבל אין 2024.

**VP פון פאבליק פאליסי ביי ליפט קעראליין סאמפארנא זאגט,** "עלעקטריזירנדיג אונזער טראנספארטאציע נעטווארק איז א קריטישע שריט און העלפן צוריקדרייען די נעגאטיווע ווירקונגען פון קלימאטן טויש, א ציל וואס מיר טיילן מיט די סטעיט פון ניו יארק. דאס איז פארוואס די אינוועסטירונגען וואס ווערן דא געמאכט היינט זענען אזוי וויכטיג. דאס וועט העלפן צוברעכן די הויפט בלאקירונגען צו ווייט פארשפרייטע EV אדאפטירונג, בשעת'ן אונז אויך ערלויבן צו טוישן סיטי בייק איבייקס אויף די גאסן. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול און די דעפארטמענט פון פאבליק סערוויס פאר זייער פירערשאפט אויף די קריטישע אישו."

**פרעזידענט און CEO פון CALSTART דזשאן באוסעל זאגט** "די היינטיגע מעלדונג פון גאווערנער האקול שטעלט די טיש פאר אן אויספירליכע איבערגאנג צו עלעקטראנישע טראנספארטאציע, ניו יארק'ס נייע און פארבעסערטע פראגראמען וועלן ברענגען די בענעפיטן פון ריינע טראנספארטאציע צו מער מאטאריסטן, פלאטעס, און געמיינדעס, מיט א שטארק-נויטיגע קאנצענטרירונג אויף צושטעלן אויסגעברייטערטע צוטריט און ריינערע לופט צו הונטערשטעליגע געמיינדעס."

**טשיף אסעט און קעפיטל מענעדזשמענט באאמטער ביי די ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) שאן מאוואני זאגט,** "די טוישונגען געמאלדן דורך גאווערנער האקול און די PSC זענען קריטיש פאר די ווארשיינליכקייט פון מיקרא-מאביליטי און EV

טשארדזשינג איניציאטיוון וואס NYCHA טוט פילאטירן און אויספארשן, צו בענעפיטירן NYCHA איינוואוינער און די ברייטערע געמיינדעס ארום אונזערע פראפערטיס, און פאר אונז צו ביישטייערן צו די סטעיט'ס און סיטי'ס אמביציעזע EV טשארדזשינג און קלימאטן פלענער."

**CEO און קא-גרינדער פון רעוועל פרענק ריעג זאגט** "גאווערנער האקול האט געעפנט די טיר צו EV'ס אין ניו יארק, און מיט דעם א צוזאג פאר א ריינערע צוקונפט פאר אונזער סטעיט. רעוועל טוט ברענגען די גרעסטע נעטווארק פון פאבליק שנעלע טשארדזשינג צו די געמיינדעס וואס וועלן בענעפיטירן די מערסע פון זערא-עמישן EV'ס. די גאווערנער'ס נייע ארויסבוי פראגראם פארזיכערט אונזער פארפליכטונג צו NYC וועט ברענגען סוקסעס."

**קא-גרינדער און פרעזידענט פון ליווינגסטאן דזשעסאן זארילא זאגט,** "ליווינגסטאן ענערגיע גרופע טוט אפלאדירן די גאווערנער און די PSC פאר זייער אנגייענדע פארפליכטונג צו טרייבן EV אדאפטירונג. מיר זענען פארפליכטעט צו איינשפאנען די נויטיגע EV אינפרעסטרוקטור און האבן אינוועסטירט צענדליגע מיליאנען דאלארן אין א מאדערנע פראדוקציע פאציליטעט, מיט צולייגן איבער הונדערט ארבעטער צו אונזער ניו יארק לאקאציעס. מיר האבן אינסטולירט טויזנטער טשארדזשערס דורכאויס ניו יארק, מיט פילע פון אונזערע איינקויפער אויסנוצנדיג די בענעפיטן פון די מעיק-רעדי פראגראם. עס זענען פראגראמען ווי דאס וואס ערמעגליכן איינקויפער צו פילן זיכער אין קויפן EV'ס."

**דירעקטאר גריד מאדערנאזירונג סטראטעגיע ביי די ענווייראנמענטאלע פארטיידיגונג פאנד פאמעלא מעקדאגעל זאגט,** "מיר טוען אויסלויבן גאווערנער האקול און די פאבליק סערוויס קאמיסיע פארן פארזעצן צו פריאריטיזירן קאר טשארדזשינג און באדייטנד אויסברייטערן צוטריט פון פאנדס צו הונטערשטעליגע געמיינדעס. די אויסברייטערונג פון פאנדס פאר עלעקטראנישע קאר טשארדזשינג טוט ווייטער באפעסטיגן ניו יארק אלס א נאציאנאלע פירער און שטיצן די איבערגאנג צו עלעקטראנישע קארס, א נויטיגע שריט אין דערגרייכן די סטעיט'ס אמביציעזע קלימאט צילן. ענווייראנמענטאלע פארטיידיגונג פאנד וועט ווייטער אנגיין צו שטיצן די סטעיט דורך די נויטיגע נעקסטע שריט אין אימפלעמענטירן און אויסברייטערן מידיום- און העווי- דוטי קאר טשארדזשינג אינפרעסטרוקטור."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע טייל פון די איבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 55$ ביליאן אין 145 גרויסארטיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן איבער'ן סטעיט, 6.8$ ביליאן צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3$ ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון זון-ענערגיע, מער פון 1$ ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 2$ ביליאן אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז

2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט געזעץ, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

די הייינטיגע באשלוסן קענען ווערן געשאפן דורך גיין די די קאמיסיע דאקומענטן אפטיילונג פון די קאמיסיע'ס וועבזייטל אויף www.dps.ny.gov און אריינלייגן קעיס נומערן צו 18- E-0138 [EV Supply Equipment and Infrastructure] און 22- E-0236 [Alternatives to Traditional Demand-Based Rate Structures for Commercial Electric Vehicle Charging] אין די אינפוט קעסטל געצייכנט "סיורטש פאר קעיס/מעטער נומער" (Search for Case/Matter Number). פילע ביבליאטעקן שטעלן צו אומזיסטע אינטערנעט צוטריט. קאמיסיע דאקומענטן קענען אויך ווערן געשאפן פון די קאמיסיע'ס פיילס אפיס(518-474-2500) 14th floor, Three Empire State Plaza, Albany, NY 12223 . אויב איר האט שוועריגקייטן צו פארשטיין ענגליש, ביטע רופט אונז אויף 1-800-342-3377 פאר אומזיסטע שפראך הילף סערוויסעס איבער די פרעס רעליעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן